# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**מהדורת אחת שאלתי**

**לע"נ הרה"ח ר' חיים שמואל מאיר ב"ר יצחק פינחס וואלהענדלער ז"ל**

נלב"ע כ"ב שבט תשע"ב לפק

## פרשת תצוה

# אונזער פליכט צו ליבן גוטס

**פרנס השבוע**

נדבת השבוע נתנדב

**לזכות כל הרוצים להתקרב לעבודתו יתברך שמו,**

**ובפרט בעניני שמירת העניים!**

◆◆◆

זיכוי הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, ומשתתפים בהדפסה, והפצה, שיזכו לראות רב נחת מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מילי דמיטב.




בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*

**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת תצוה
שנה ג׳

# אונזער פליכט צו לויבן גוטס

## תוכן:

חלק א. דער שמעקעדיגער משכן - חלק ב׳. שמעקעדיגע שאיפות - חלק ג׳. א ריח טוב פון צדיקים

## חלק א. דער שמעקעדיגער משכן

### דער ריח פון בשמים

צווישן די פיל פליכטן וואס כלל־ישראל איז באאויפטראגט געווארן אויפצושטעלן אינעם משכן, איז איינע פון די וויכטיגסטע זאכן געווען דער מזבח הזהב. **וְעָשִׂיתָ מִזְבֵּחַ מִקְטַר קְטֹרֶת** — דו זאלסט מאכן א מזבח אויף וועלכן מען וועט מקטיר זיין קטורת (תצוה ל, א). א גאלדענער מזבח איז אויפגעשטעלט געווארן אין פארנט פונעם קדשי־קדשים אויף וועלכן די כהנים זענען באפוילן געווארן צו פארברענען דעם קטורת יעדן טאג. **וְהִקְטִיר עָלָיו אַהֲרֹן קְטֹרֶת סַמִּים בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר** — און אהרן זאל מקריב זיין דערויף דעם קטורת יעדן אינדערפרי (שם ז).

יעצט, איך גיי נישט זאגן אז איך ווייס די סודות פון פארברענען די בשמים אינעם בית־המקדש, אבער איין זאך קען איך יא טון — איך קען ברענגען א רמב״ם - נאך אלעמען איז ער א פארלעסליכער מקור. אין זיין מורה נבוכים (ג, מה) איז ער מסביר די מצוה ווי פאלגנד: ער זאגט אז דער מח פון א מענטש שפירט זיך געוועלנליך דערהויבן אין דער אנוועזנהייט פון אן אנגענעמען ריח, און ס׳איז דער רצון השם אז ווי נאר דו וועסט אנקומען צום פלאץ פון דער עבודה, זאלסטו שפירן א דערהויבנקייט, א ספעציעלע געפיל פאר דעם פלאץ.

דאס איז דער סוד פונעם קטורת לויט׳ן רמב״ם. השי״ת וויל אז די בשמים שטויב זאלן זיך צעשפרייטן דורך דער לופט, אריינדרינגענדיג אין די נאז־לעכער און זיי זאלן איינקריצן א מעסעדש אין דיין מח: ״אהה! געשמאק! דא איז דאס פלאץ זיך צו געפינען; דא איז די זיסקייט פון לעבן!״ ס׳איז אזוי ווי מען גייט אריין אין א בלומען געשעפט און די בינטלעך

בלומען קיצלט דיינע חושים פון שמעקן; ס'איז אנגענעם! דו שפירסט א געוויסע געפיל פאר דעם פלאץ; דו האסט ליב דעם געשעפט.

## דער לימוד פון קטורת

אלזא, דאס פארברענען דעם אויסערגעוויינטליכע געמיש פון בשמים, דירעקט פאר'ן ארון־הברית איז געווען געצילט פארצושטעלן א געפיל פון שעצונג צו דעם פלאץ וואו עס איז געאייגנט געווארן פאר עבודת־השם. ס'איז געווען א ספעציעלער געמיש פון געקליבענע געווירצן און ווי נאר א מענטש האט אריינשפאצירט צום פלאץ פון עבודת־השם האט דער ריח פון קטורת אריינגעדרינגען טיף אין זיין נשמה און האט אים געמאכט שפירן ווי דאס איז א דערהויבענע פלאץ. דער געוואלדיגער אנגענעמער ריח האט פאראורזאכט אין מח אן אהבה, א שעצונג פאר דער הויז פון השי"ת. עבודת־השם איז יעצט געווארן חשוב אין זיין מח.

מיר לערנען עפעס וויכטיג דא. השי"ת האט זיך נישט פארלאזט אויף דיין שכל אז דו זאלסט אליין פארשטיין אז עבודת בית־המקדש איז די זיסטע זאך פון אלע אנדערע זאכן — ניין, בכלל נישט; ער האט פארשטארקט די געפילן דורך מאכן אז דער משכן זאל גוט שמעקן. און דאס זאל זיין פאר אונז א וויכטיגער לימוד. אויך מיר זענען מחויב צו נעמען די רמזים פון השי"ת און מקטיר זיין קטורת קעגן יעדער זאך וואס האט א שייכות צו דער תורה.

## אומווערדיגע רשעות

מיר לערנען דא די געוואלדיגע נקודה פון פאראורזאכן אז גוטע זאכן אויף דער וועלט זאלן שמעקן אנגענעם. צווישן די אומות־העולם איז אלעס פונקט דאס פארקערטע. אומוויכטיגע זאכן זענען שטענדיג געמאכט געווארן צו שמעקן גוט. זיי האבן געהאט פארוויילונגס ערטער. אהה, די גרויסארטיגע פארוויילונגס ערטער! די דאזיגע רשעות'דיגע ערטער וואו טויזענטער צושויער זענען זיך צוזאמגעקומען מיטצוהאלטן ווי מענטשן זענען געווארפן געווארן צו די לייבן ר"ל. פאר זיי האט דאס געהאט א זיסער ריח; דאס איז געווען די קולטור וואס די רוימישע אריסטאקראטן האבן געשעצט. יא, ס'איז הערליך צו זען ווי א לייב נעמט אין מויל א מענטשנ'ס קאפ און צעקראכט דאס ווי מען קראכט ניסלעך... די גאנצע משפחה פלעגט זיך צוזאמקומען פאר א נאכמיטאג פארברענג פון הויכגעשעצטער קולטור. זיי פלעגן זיצן דארט זונטאג נאכמיטאג קייענדיג פאפקארן, בשעת זיי האבן מיטגעהאלטן די גרויליגע פארשטעלונג. ווען דער לייב האט אריינגעביסן אינעם קאפ פונעם קרבן האט זיך דער הויז־מייסטער אויסגעדרייט צו זיין ווייב זאגנדיג, "פאלינא, האסטו געהערט די קראנטש? דאס איז געווען א גוטס!"

היינט צוטאגס האבן זיי ענליכע זאכן. מענטשן קומען זיך צוזאם צו אזעלכע "באקסינג

פארמעסטן״ און ווען איינער פראסקעט דעם צווייטן אין אויג אריין און עס הייבט אן צו גיסן בלוט שרייען אלע אויס מיט אפלאדיסטן: ״או וואה, האסטו געזען דעם פראסק! ס׳איז געווען מעכטיג! און ווען דער געפאלענער שטייט אין ווינקל גרייט צוזאמצופאלן, קומט דער אנדערער און האקט שטיקער פון אים נאכאמאל און נאכאמאל. אההה! דאס הייסט א העלד!

נישט נאר באקסינג; אלע אומוויכטיגע זאכן ווי עריות, שיסן, ספארט, מוזיק, מאוויס, זענען הערליך אויף דער גאס. און אין דער זעלבער צייט ווערן וויכטיגע זאכן אראפגעקוקט. דער יצר־הרע איז שטענדיג פארנומען צו פארקלענערן, איינשרימפן און אראפקלאפן דאס חשיבות פון אלע הייליגע זאכן אויף דער וועלט. מיין נישט אז דאס איז א קליינינקייט. דער יצר־הרע האט א מעכטיגער כח אויף דער וועלט. נאר דערפאר איז די וועלט געווען איבערצייגט פאר א לאנגער צייט אז די פרומע אידן זענען נישט גוט. אויף רשעים קען מען מלמד זכות זיין, אבער די פרומע זענען קיינמאל נישט גוט אין די אויגן פון דער וועלט, און ווי פרומער ער איז אלץ ערגער איז ער.

## די בעסטע מענטשן אין אמעריקע

איך דערמאן זיך, ס׳איז אמאל געווען א מענטש וואס האט געארבעט פאר עיפע״ק (AIPAC). ער איז געווען דער פרעזידענט אדער דירעקטער. האט ער אמאל געלאזט פאלן א סטעיטמענט אז ער איז נאך קיינמאל נישט געווען אין ברוקלין ווייל ער האט נישט ליב צו זיין נעבן פרומע אידן. ״זיי זענען שמעקעדיג,״ האט ער זיך אויסגעדריקט. פאר׳ן ניו־יארק טיימס האט עס שטארק געפאלן. זיי האבן עס איבערגעדרוקט צוויי מאל.

דער אמת איז אז דער יצר־הרע ארבעט שווער אויף צווישן פרומע אידן. און עס טוט מיר וויי אייך צו מעלדן אז ער איז ליידער מצליח. דעריבער קען מען צומאל טרעפן ערליכע אידן זאלן בארעדן אנדערע פרומע אידן; זיי רעדן קעגן פרומקייט אדער עבודת־השם וואס זיי מיינען אז דאס איז עקסטרעם.

א פרוי פון ווירדזשיניע, א שומרת תורה ומצוות, קלינגט מיך אן איין טאג אז זי האט באזוכט בארא־פארק און זי איז אויפ׳ן וועג צוריק, ״איך בין אזוי פרייליך אהיימצוגיין! בארא־פארק איז צו איבערגעפולט מיט פרומע אידן; אזוי עקסטרעם! זיי פאפן אויס די רעגירונג און לעבן אויף די פראגראמען.״

״דו ווייסט וואס דו רעדסט?״ האב איך איר פארדאמט, ״אזוי רעדסטו אויף אונזערע בעסטע אידן?! דו טוסט א געפערליכע עוולה! דו בארעדסט די בעסטע מענטשן פון אמעריקע!״ אויסער אפשר וויליאמסבורג. וויליאמסבורג איז נאך בעסער. אבער בארא־פארק איז צווייט בעסט! דו גייסט פארביי גאסן אויף גאסן פון שומרי מצוות, מזוזות אויף יעדער טיר, און אינעווייניג אין די שטובער זענען פול מיט קינדער! יעדעס הויז איז א

בית־המקדש פון קדושה; איך זאג אז יעדעס הויז שמעקט פונעם קטורת! איך בין נישט מגזם; ס׳איז א וואונדערליכער ריח.

## אמת׳ע שיינקייט

און דאס איז דער לימוד פונעם קטורת. מיר זאלן שמעקן דעם זיסן ריח אין אלעס וואס האט שייכות מיט דער תורה און ווערן פארנומען צו מאכן א מחאה קעגן דער יצר־הרע. מיר זאלן ארויסשרייען דעם אמת און פאראורזאכן אן אנגענעמען ריח ארום דער תורה. אלעס וואס באלאנגט צו השי״ת און זיין תורה איז הערליך שיין פאר אונז. אלעס וואס אנבלאנאגט צו אונזער פאלק, און פארשטייט זיך אז איך מיין דאס פאלק פון דער תורה, די מצוות, אלעס וואס האט שייכות צו עבודת־השם איז א פראכט. אוודאי, אויב ס׳איז נישט מיט׳ן אויבערשטן איז עס נישט אידיש. זיינע מצוות און זיין תורה און זיינע וועגן זענען אלץ הערליך.

און דאס איז די איינציגסטע שיינקייט וואס מיר אנערקענען. מיר האבן נישט נאך אזא שיינקייט אין דער וועלט אויסער דעם איד וואס היט די תורה; און ווי מער ער היט, אלץ שענער איז ער. אין אידיש ניצט מען דעם אויסדריק, "א שיינער איד," וואס טייטשט א גוט אויסזעענדיגער מענטש. אבער א "שיינער איד" מיינט נישט איינער וואס זעט אויס שיין. ניין! א שיינער איד מיינט א פרומער איד. ווייל אין אונזערע אויגן זעט אויס שיין יעדער אנשטענדיגער פרומער איד, און אויב איז ער נישט א שומר מצוות איז ער בכלל נישט שיין. ער איז א קריפל. עפעס מאדנע קומט פאר מיט אים אויב ער איז נישט א פרומער איד. אבער א פרומער אנשטענדיגער איד? ס׳איז נישט דא קיין שענערס פון דעם!

## דער פרעכטיגער ישיבה־מאן

דא איז א ישיבה־מאן. וואס איז דיין צוגאנג ווען דו זעסט אים? דו טאלערירסט אים און דאס אלעס. עס קען גאר זיין אז צומאל טראכסטו אז דו ביסט חשוב׳ער פון אים. אפשר טראכסטו אז ער איז נאריש. ער פארשטייט נישט די וועלט ריכטיג; ער איז נישט פראקטיש.

פארגעס פון אזעלכע נארישע געדאנקען! די גמרא זאגט אז עס וועט קומען א צייט ווען ס׳וועט זיין **מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה** — דו וועלט וועט פיל ווערן מיט וויסנשאפט. און נישט נאר וואס זיי וועלן זען דעם אמת נאר זיי וועלן שמעקן דעם אמת. **עתידין בחורי ישראל שלא טעמו טעם חטא שיתנו ריח טוב כלבנון**, ס׳וועט קומען א צייט ווען די מענטשן וועלן זען אידישע אינגלעך, ישיבה בחורים וואס זינדיגן נישט, זיי ווייסן נישט פון די שטותים וואס קומט פאר אויף דער וועלט, און ווען דו וועסט זיי זען וועסטו שפירן די בשמים אין דער לופט ווי אן אנגענעמע ווינטל בלאזט פון די סאסנעביימער! אז די גמרא זאגט עס מיינט אז דאס איז ריין אמת! דאס איז דער געדאנקנגאנג וואס מיר ברויכן שוין פון יעצט

האבן. ווען דו זעסט א ישיבה־מאן דארפסטו פראדוצירן אין דיין מח די אנגענעמע ריח פון א סאסנע־וואלד.

## די חשוב'ע כולל פּאָרפעלקער

די שמעקעדיגסטע מעטשן זענען די ליטווישע ישיבה־לייט. זיי זענען יונג. זיי האבן נישט קיין געלט. זיי האבן נישט קיין מאכט. אבער זיי זענען איבערגעגעבן צו לערנען תורת השם. אידן וואס זיצן אין ביהמ"ד א גאנצן טאג, זיי זענען די שמעקעדיגסטע מענטשן. און דאס איז אויך געזאגט געווארן אויף זייער בני בית! דא האסטו א יונגע מיידל מיט שאיפות און זי האט חתונה צו א כולל־אינגערמאן. ער זאגט איר פון פאראויס, "איך האב גארנישט צו געבן וועלן מיר מוזן גיין וואוינען אין א בעיסמענט ביים עק פון בארא־פארק אין א ספאנישער געגענט. ס'וועט נישט זיין אזוי ריין דארט; דער בנין דארט איז אנגעשטעקט מיט קריכעדיגע באשעפענישן, אבער דער רענט איז די ביליגסטע וואס איך קען באצאלן אז איך זאל זיך קענען ערלויבן צו זיצן און לערנען..." און זי איז מסכים, "איך בין גרייט פאר דעם; דאס איז אלעס וואס איך שטרעב!"

און אזוי ציען זיי זיך אריין אין דעם קליינעם לעכל; דאס איז אלעס וואס ס'איז, א לעכל! ס'איז זיי נישט גרינג. אלעס מוז זיין איבערגעדעקט אויב זיי ווילן נישט טרעפן שמוץ פון באשעפענישן אין זייער עסן... יעדע נאכט לייגן זיי ארויס מייזן כאפערס און מען באשפריצט די ווענט מיט DDT. אבער זיי לעבן גליקליך און צופרידן; זיי זענען מצליח צו דערגרייכן זייער ציל אין לעבן — זיי בויען א משכן פאר דער שכינה!

היינט־צוטאגס וועלן פארשידענע מענטשן דאס אפוועדן. אויב דער שווער קען קויפן א שיינעם קאר און צאלן פאר א לייטישער דירה, אקעי, דעמאלט פארוואס נישט זיין א כולל אינגערמאן אויפ'ן שווער'ס חשבון? אבער צו וואוינען אזוי פשוט?! פיל זענען נישט באגייסטערט דערפון. אבער דאס איז א טעות. מיר דארפן שטאלצירן מיט די אינגע פארפעלקער וואס זענען מוותר אויף די תענוגים פון דער וועלט צו לעבן א תורה'דיגע לעבן!

אוודאי ווען מען וואוינט צווישן די גוים קען מען פארלירן דעם ריכטיגן צוגאנג אין לעבן; מען ווערט באאיינפלוסט פון דער סביבה וואס קוקט אראפ אויף אידישקייט, און דאס רייבט זיך ליידער אריין אין אונז; ס'איז נישט קיין שאלה. עס האט אן השפעה אויף אונז. דעריבער איז זייער וויכטיג שטענדיג צו געדענקען די מצוה פון קטורת וואס לערנט אונז צו מאכן די חשוב'ע זאכן זאלן שמעקן גוט.

# חלק ב׳. שמעקעדיגע שאיפות

## אונזער ארבעט

אלזא, אויב מיר זענען ערנסט אין מאכן א ציל פון דעם לימוד וואס דער קטורת קומט אונז דא לערנען און ארויפברענגען דאס חשיבות פון תורה ומצוות אין די אויגן פון דער וועלט, איז א גוטע עצה זיך גוט איינצוהערן וואס א חכם האט געזאגט איבער דעם ענין.

דער רבינו יונה אין שערי תשובה (ג, קמח) זאגט: ״דער יסוד פון א מענטשנ׳ס לעבן אויף דער וועלט - אויב ער וויל דינען דעם אויבערשטן, איז צו מאכן באוואוסט אויף דער וועלט אז די שיינקייט פון א מענטש איז נאר זיין עבודת־השם, יראת השם און תורת השם. ווען אימער ער רעדט און אין יעדן מעגליכן אופן, זאל ער ארויסברענגען אט דער וויכטיגער ציל פון א מענטשנ׳ס זיין דא אויף דער וועלט.״

דער רבינו יונה זאגט אונז דא אז מיר האבן אן ארבעט צו טון — און נישט סתם אן ארבעט נאר א פראגראם פון לעבן; אונזער גרעסטע ביזנעס איז צו מאכן באוואוסט פאר מענטשן און פאר אונז אליין אז די שענסטע זאך אויף דער וועלט, איז אלעס וואס האט שייכות מיט הקב״ה. אין אנדערע ווערטער, מיר זאלן זיין די פראפאגאנדע לייט פון השי״ת.

## רוסישע פראפאגאנדע

איך דערמאן מיך, ווען די סאוויעטישע רעגירונג האט נאך עקזיסטירט איז געווען אין אמעריקע טויזנטער רוסישע שפיאנען. אמעריקע איז געווען פארפלייצט מיט סאוויעטישע אגענטן. וואס איז געווען זייער אויפגאבע? זיי האבן געהאט איין ארבעט: צו פארשפרייטן סימפאטישע פראפאגאנדע אויף מאמע־רוסלאנד. זיי האבן זיך געדארפט אויסמישן מיט די מענטשן און ארייננווארפן א גוט ווארט; זיך אננעמען פאר רוסלאנד.

איך בין אמאל געשטאנען אין פאסט־אפיס. ווארטנדיג אויף מיין רייע איז געשטאנען א מענטש דארט מיט א טאוול, "!No Nuclear Weapons! No War Against Russia"

ער האט געבעטן אז מענטשן זאלן אונטערשרייבן א פעטיציע אז אמעריקע זאלן אויפהערן צו פראדוצירן נוקלעארע וואפן! ״מיר פארשווענדן אונזער געלט אויף וואפן,״ זאגט ער צו מיר, ״ווען מיר קענען אין דער צייט שפייזן מענטשן ווי זיי טוען אין רוסלאנד.״ ער האט מיר גע׳דרש׳נט מעשיות ווי יעדער אין רוסלאנד ווערט געשפייזט און מען איז גליקליך און צופרידן...

זיי זענען געווען אויסגעשפרייט איבעראל. און וואו אימער זיי האבן נאר געקענט, ביי יעדער געלעגענהייט האבן זיי זיך אנגענומען פאר די קאמוניסטן. אין די נייעס, צווישן די קאלעדזש הויפן, אין די רעגירונג אפיסעס. זיי האבן שטענדיג געפרעדיגט איבער דעם וואונדער פון קאמוניזם. דאס איז געווען זייער ארבעט.

להבדיל אלף אלפי הבדלות, דאס איז אונזער ארבעט אויף דער וועלט! נאר אנשטאט צו זיין דער אגענט פון שקר, איבער ליידיגע אנשויאונגען, אנשטאט צו פראפאגאנדירן ליידיגע אידעאלן, לערנט אונז דער רבינו יונה אז יעדער איד זאל שפירן ווי ער איז אן אגענט פון השי"ת וואס איז אראפגעשיקט געווארן אויף דער וועלט צו רעדן פאר'ן אויבערשטנ'ס כבוד.

ער זאל זיך פאררופן פאר א פראפאגאנדע אגענט פאר'ן אמת. ער זאל שטענדיג האלטן זיינע אויגן אפן צו טרעפן געלעגענהייטן צו רעדן לטובה, אויף אלעס וואס האט שייכות צו השי"ת.

דאס איז ווי א פראגראם פאר יעדן איד. דו מוזט נישט זיין א פראפעסינעלער רעדנער, א דרשן; ס'איז א קארעריע וואס איז 'שווה לכל נפש'. יעדער מאן און פרוי, יעדעס אינגל און מיידל אויב זיי וועלן צולייגן קאפ דערצו קענען זיי מאכן זייער פראגראם פאר'ן לעבן צו רעדן פאר הקדוש ברוך הוא. אויב דו ביזט א קלוג אינגל אדער מיידל, וועסטו טרעפן געלעגענהייטן צו רעדן צווישן די חברים און חברט'עס. זיי מוזן נישט וויסן אז דו ביזט דא געקומען און דאס געהערט. זיי וועלן קיינמאל נישט וויסן אז דו גייסט אויף דעם פראגראם פון רבינו יונה אבער דו וועסט כסדר אריינווארפן געדאנקען אין זייער קאפ בשעת'ן פראפגאנדירן פאר השי"ת.

לאמיר זאגן אז דו גייסט ערגעץ וואו, דו גייסט צו א חתונה אדער משפחה צוזאמקום, מאך א פלאן פריער. 'איך וועל ניצן די געלעגענהייט צו פראפאגאנדירן פאר'ן כבוד פון השי"ת און עבודת השם. איך וועל רעדן פון דער שיינער ישיבה וועלכע איך בין נעכטן פארבייגעגאנגען, אדער פונעם נייעם ספר וואס איך האב געזען וואס איז פול מיט הערליכע תורה געדאנקען.' יעדעס מאל עפעס אנדערש.

און ווען דו זיצט אין שטוב מיט דיין בני בית, זאג עפעס וואס וועט אויסלויבן די מצוות. זאג איר אז דו האסט געטראכט ווי חשוב א געוויסע מצוה איז. "די מצוה איז ממש געוואלדיג!" לויב אויס דאס דאווענען! האסטו אמאל געטראכט דערפון? דו גייסט אין שול יעדן טאג צו רעדן צום באשעפער פון דער וועלט! איז עס נישט געוואלדיג? "אהה," קענסטו איר זאגן ווען דו קומסט אהיים פון מעריב, "דער פארגעניגן צו רעדן צום באשעפער איז נישטא זיין גלייכנס!"

איך געדענק אז ווען איך בין געווען א קליין אינגל האב איך אמאל געהערט א איד ארויסקומען פון שול אויסרופנדיג: "אה! איך האב געדאווענט א געשמאקן מעריב!" איך קען דאס נישט פארגעסן. איך בין געווען דעמאלטס צען יאר אלט ווען איך האב דאס געהערט, און איך האב מיך יענע נאכט אויסגעלערנט אז מען קען דאווענען א געשמאקן מעריב ווען מען דאווענט ריכטיג.

## משפחה שמועסן

א טאטע אין שטוב זאל כסדר טראכטן וואס ער קען רעדן צו זיין משפחה. ווען אימער דו האסט א געלעגענהייט זאג א גוט ווארט איבער חסד השם, איבער תורה און מצוות. פרוביר שטענדיג צו זאגן עפעס וואס וועט מאכן אז דיין משפחה זאל שעצן לומדי תורה. קלויב אויס ווערטער וואס וועט מאכן אז זיי זאלן מחשיב זיין מצוות. דו מוזט נישט זיין א גרויסער למדן צו רעדן איבער מצוות אדער מאכן א רושם איבער די וויכטיגקייט פון עבודת־השם, אלעס וואס דו דארפסט נאר איז צו פארשטיין דיין ראלע פון זיין א פראפאגאנדיסט פאר השי"ת און דאן וועלן דיינע שמועסן אינדערהיים זיין א חלק פון דעם פראגראם. מיין נישט אז זיי הערן זיך נישט איין. ס'גייט אריין, אויסדרוקליך. ס'וועט אריינדרינגען אין זייער מוחות אויף נצח נצחים.

און אוודאי ווען דו זיצט ביים שבת טיש אדער אינמיטן דער וואך, דעמאלט איז א געוואלדיגע געלעגענהייט. גרייט אן עטליכע ווערטער; רעד איבער דער וויכטיגקייט פון דאווענען מיט כוונה, צו גיין אין ביהמ"ד און דאווענען מיט א מנין. רעדט איבער דער וויכטיגקייט פון לימוד התורה. ברענג ארויף דעם אויבערשטנ'ס תורה ביז צום הימל. רעדט פון מתן תורה, די געוואלדיגע מראה פון השי"ת רעדנדיג צו גאנץ כלל־ישראל ביים בארג סיני. רעדט דערוועגן. "מיר זענען דאס איינציגסטע פאלק אין דער היסטאריע פון דער וועלט וואס השי"ת האט גערעדט צו זיי!" זאג דאס פאר דיין משפחה נאכאמאל און נאכאמאל.

פון צייט צו צייט רעדט איבער דער שיינקייט פון עבודת־השם. די שיינקייט פון צניעות און אהבת חברים. רעדט איבער דער גרויסקייט פון שמירת הלשון און איבער דער וויכטיגקייט צו זיין א למדן און היטן די מצוות אין יעדן פרט. דאס איז די טיש שמועסן פון א אידישער שטוב. דאס איז די שטוב וואס פארברענט נאך דעם קטורת, אזוי ווי אמאל ביים קדשי קדשים.

## פרומע קינדער

אפילו ווען דו רעדטסט פון ביזנעס אין אפיס, לייג צו א גוט ווארט. זאלסט אריינווארפן, "איך בין נעכטן געווען אין חדר אפצונעמען מיין אינגל און ס'איז געווען אזוי שיין צו זען די איידעלע אינגלעך. ס'איז א נחת צו זען ווי אזוי זיי פירן זיך אויף." אדער ווען דו זעסט פרומע מיידלעך אויף דער גאס, לויב זיי אויס פאר סיי וועם די ביסט מיט. שעם זיך נישט. ווען א בית יעקב מיידל גייט אריבער אדער א בית רחל מיידל אדער בית רבקה מיידל; מאך דיין ביזנעס צו מקטיר זיין קטורת. "אה! ברוך השם! פרומע צניעות'דיגע מיידלעך!"

מיר שטאלצירן מיט די מיידלעך; זיי זענען אונזער פראכט. און מיר זאלן נישט פארלירן די געלעגענהייט זיי צו לויבן ביז צו דער הימל. דאס איז טאקע דער אמת, דער יוגנט איז

אונזער לויב. אין דער גאנצער וועלט איז נישטא ווי אונזערע אינגלעך און מיידלעך. דעריבער זאלן מיר זיך נישט האלטן שטיל דערוועגן. מיר דארפן שטענדיג רעדן דערפון. זאלסט כסדר זוכן געלעגענהייטן ווי אזוי צו פראפאגאנדירן איבער אונזערע פרומע קינדער.

להבדיל די אינגלעך און מיידלעך פון די קאטוילישע סקולס זענען טאקע בעסער ווי די פאבליק סקולס אבער ווי זענען זיי א פארגלייך צו אידישע קינדער? פוי! זיי האבן אנדערע מושגים פון דרך ארץ! אך, נישט אפילו די קלענסטע פארגלייך!

מיר לעבן אנשטענדיגע לעבנס. די גוים רעדן פון אנשטענדיגקייט אבער למעשה איז נאר דא 'גוי אחד בארץ' - ס'איז נאר דא איין אנשטענדיגע פאלק אויף דער וועלט און דאס זענען די פרומע אידן.

## כשר'ע קידוש השם

מיר זענען א פאלק פון אויסערגעוועהנליכע מענטשן; יעדער פרומער איד איז אן אוצר, א דיאמאנט און ס'איז אונזער פליכט צו רעדן דערפון. די אומות העולם וועלן נישט רעדן דערפון; דאס איז זיכער. ווארט נישט פאר די גוים צו מקטיר זיין קטורת און זינגען אונזערע מעלות. דאס איז אונזער ארבעט אויף דער וועלט.

זוך געלעגענהייטן צו רעדן. דו גייסט אראפ די גאס מיט דיין בני בית אדער קינדער אדער באקאנטע, רוף זיך אן, "קוק ווי שיין איז צו זען א טראק, לאנג ווי א האלבע גאס שלענגלט זיך אראפ די שאסיי און ביי דער זייט איז דא אן אויפשריפט, 'חלב ישראל'!" זאג פאר די מענטשן ארום דיר ווי אויסערגעווענטליך דאס איז. איך געדענק נאך, פאר נישט לאנג צוריק ווען עס איז נישט געווען צו באקומען חלב ישראל מילך אין אמעריקע. ווען איך בין צוריקגעקומען פון אייראפע, איז א פארמער געקומען איינמאל א חודש און אונז געברענגט מילך פון זיין קו. ס'איז קיינמאל נישט געווען פריש און ס'איז נאר געווען דיקע מילך און יעצט איז דא 'מהדרין חלב ישראל' מילך מיט גרויסע אויפשריפטן אויפ'ן טראק. דערצייל פאר דיינע קינדער ווי שטארק דאס מאכט דיר פריילין.

אה, און גלייך אונטער דעם קומט צו פארן דער טראק פון 'קמח', אלעס ישן, אלע כשר'ע פראדוקטן. דער פאקט אז אידן זענען אנגעקומען קיין וויליאמסבורג און אנגעהויבן צו פראדוצירן כשר'ע עסענווארג און זיין אדווערטייזט איבער דער וועלט איז א געוואלדיגער קידוש השם. מיין נישט אז ס'איז א קליינע זאך. זיי האבן עס טאקע געטון פאר זייער ביזנעס אבער ס'איז אונזער ביזנעס דאס צו פראפאגאנדירן און מאכן אן עסק דערפון.

## דער גרויסער שכר

און ווייל דער פראגראם איז אזוי גרויס אין די אויגן פון השי"ת איז דער שכר דערפון

געוואלדיג גרויס. הער צו וואס רבינו יונה זאגט דא, "ויראיו ויזכה **בזה בהגיון לבו ומבטא שפתיו בלא יגיעה ופועל כפים זכות גדולה עד שמים** - אויב דו וועסט מאכן דעם פראגראם א חלק פון דיין לעבן, אויב דו גיבסט אוועק דיינע טעג מקטיר צו זיין זיסע שמעקעדיגע קטורת אויפ'ן מזבח פון יעדער זאך וואס האט שייכות מיט עבודת־השם, אָן צו ארבעטן שווער נאר דורך רעדן, וועסטו זוכה זיין צו א געוואלדיגן שכר וואס איז אזוי גרויס אז עס דערגרייכט ביז צום הימל." דאס מיינט אז אויב דו וועסט אויפהייבן כלל־ישראל, וועט דער שכר פאר דיינע באמיאונגען אויך זיין גאר הויך ביז צו די גאר הויכע פלעצער. פון דעם קען מען פארשטיין אביסל ווי וויכטיג די קאריערע איז.

# חלק ג'. א ריח טוב פון צדיקים

## באַרימען ביז צום הימל

ווען אזא גרויסע מענטש ווי דער רבינו יונה גיט דיר אזא אנבאט אז אָן צו ארבעטן שווער קענסטו דערגרייכן געוואלדיגע זכותים ביז צו דער הימל איז עס אן אנבאט וואס דו קענסט נישט אפזאגן. נישט נאר וואס מיר קענען דאס נישט אפזאגן נאר מיר מוזן זיך צוכאפן דערצו מיטביידע הענט ווייל מיר לערנען דא אז דאס איז איינע פון די וויכטיגסטע פליכטן וואס מיר האבן דא אויף דער וועלט, אויסצולויבן און רעדן איבער דעם חשיבות פון הייליגע זאכן.

אריינגערעכנט דערין איז אויך צו רעדן פון צדיקים. דאס איז וואס דער נביא זאגט, **אִמְרוּ צַדִּיק כִּי טוֹב** — לויבט אויס דעם צדיק ווייל ער טוט גוטס (ישעיהו ג, י). ס'זענען דא וואס טייטשן **אִמְרוּ** רעדט איבער צדיקים, אבער דאס איז נישט די גאנצע מעשה. ס'איז ריכטיג; זאלסט רעדן פון צדיקים אבער דער פסוק זאגט פיל מער דערפון.

**אִמְרוּ צַדִּיק** מיינט ארויפברענגען דעם ערליכן איד גאר הויך, אזוי ווי **בְּרֹאשׁ אָמִיר** (שם יז, ו). **אָמִיר** מיינט דעם אויבערשטן חלק פון בוים. דעריבער, **אִמְרוּ צַדִּיק כִּי טוֹב** מיינט לויב אויס דעם רעכטפארכטיגן מענטש ביז צו דער הימל ווייל דאס איז וואס איז גוט אויף דער וועלט. נישט נאר וואס דער צדיק איז גוט נאר דו ביזט אויך גוט דו פילסט אויס דיינע פליכטן אין עולם הזה.

## אונזערע ראשי ישיבות

דו נוצט אמאל אויס דיין צייט אויסצולויבן די צדיקים? ניין?! אלזא, פירסטו נישט אויס דיינע פליכטן. מיר מוזן רעדן ווי גרויס די צדיקים זענען. ס'איז וויכטיג צו לאזן וויסן פאר דער וועלט איבער דעם. ס'פעלט אויס אים אויסצולויבן אז ער זאל נושא חן זיין ביי אנדערע.

צו ווען זאלסטו אים אויסלויבן? צו סיי ווער עס איז וויליג צו הערן; צו דיין בני בית, דיינע קינדער, דיינע שכנים; לויב אויס די צדיקים. ווען איינער ערוועהנט א ראש ישיבה רוף אויס, "אה הא, ער איז א צדיק.' לאמיר זאגן אז איינער האט דערמאנט דער נאמען, 'הרב פאם' (זצ"ל); "אה ער איז אזא צדיק! אזא בעל ענוה. 'הרב בירנבוים', אה, א גרויסער צדיק! ער מאכט די גאנצע געגנט הייליג. 'הרב אהרן שעכטער', אזא צדיק!"

זאלסט זיך זייער פרייען ווען די נעמען ווערן ארויפגעברענגט. ווייל אזוי האסטו א געלעגענהייט צו גיסן שבחים אויף זיי. **אִמְרוּ צַדִּיק** – מאך גרויס דעם צדיק. יא, ווען דער נאמען פון א צדיק ווערט געזאגט, רעד אפאר שיינע דיבורים איבער אים. מוזט נישט ווארטן ביז זיי ווערן ח"ו נפטר. זכר צדיק לברכה מיינט נישט נאר נאך זיין פטירה, ס'מיינט אויף דער וועלט ווען ער איז נאך ביים לעבן. **זכר צדיק**, ווען א צדיק ווערט דערמאנט, **לברכה**, זאלסטו רעדן גוטע זאכן איבער אים.

ס'איז דא אזויפיל וואס צו רעדן דערפון. "אה! ער איז א ראש ישיבה, א טייערער איד, זאל ער לאנג לעבן." רעד איבער ראשי ישיבות, דער ראש ישיבה פון חיים בערלין, פון תורה ודעת, מירער ישיבה, אלע ישיבות. רעד פון זיי פון צייט צו צייט און רעד איבער זיי לשבח. אוודאי דארפסטו זיין פארזיכטיג נישט זיי אויסצולויבן אין דער אנוועזנהייט פון לצים וואס וועלן גאנץ מעגליך צולייגן, "אבער..." און ארויפברענגען לשון הרע. אבער אויב דו רעדסט צו נארמאלע מענטשן זאלסטו זיך אינגאנצן איבערגעבן אויסצולויבן די צדיקים.

## מיר האבן פיל גדולים

לאז מענטשן וויסן אז מיר זענען מחשיב די גדולים און מיר קוקן ארויף אויף זיי. ס'איז זייער וויכטיג אז די גדולי ישראל זאלן זיין געשעצט ביי כלל־ישראל, און דער רבינו יונה זאגט אז דו וועסט באקומען **זכות גדולה עד שמים**. אזוי גרויס איז דער זכות. דורך אויסלויבן די שבחים פון צדיקים וועסטו זוכה זיין צו דעם געוואלדיגן זכות פון שמים. דאס איז וואס רבינו יונה האט אונז גאראנטירט. דו טוסט דערהייבן גוטע זאכן, וועט דער אויבערשטער דיר דערהייבן.

ווען חסידים קומען זיך צוזאם ביים טיש און לויבן אויס זייער אייגענעם רבי'ן איז זייער שיין! געוואלדיג! פארוואס נישט? זיי זענען מקיים די מצוה פון אויסלויבן די הייליגקייט פון זייער רבי'ן. איך מאך נישט ליצנות פון די ליובאוויטשער ווען זיי קומען צו פארן פון איבער אויסלאנד צו זייער רבי'ן. זייער גוט! איך בין זיכער אז ער איז א חכם און למדן. און איך בין זיכער אז ער קען געבן גוטע הדרכה אויך. איך בין זיכער אז השי"ת הערט אויך צו צו זיינע תפילות. פארוואס נישט?

אויב דו קענסט נישט באשטימען ווער ס'איז א צדיק היינטיגע צייטן גיי צוריק עטליכע דורות צוריק. זיכער איז דא הסכמות אויף גדולים פון די פריערדיגע דורות. יעדער וועט

זאגן אז דער שפת אמת איז געווען א גדול בתורה. יעדער קען שוין זיינע ספרים. זיי זענען זייער וויכטיג און אפילו אין הלכה פארלאזן מיר זיך אויף זיינע ווערטער. נישט לאנג צוריק האבן מיר געהאט רבי ישראל סאלאנטער זי"ע, א צדיק. ס'איז נישט קיין שאלה. אזוי איז דא געגנוג גדולים פון אלע זייטן, ספרדים, אשכנזים, חסידים, אלע סארטן. און פארוואס זאלן מיר נישט רעדן וועגן זיי?

צומאל קלינגען מיר בחורים אדער מיידלעך פאר זיי גייען ארויס אויף א באגעגעניש פאר א שידוך, און פרעגן מיר וואס זיי זאלן רעדן. **אִמְרוּ צַדִּיק** – רעד פון גדולי ישראל! אויסדריקליך! וואס וועסטו רעדן? פון שטותים מיט הבלי הבלים? פארוואס זאלסטו רעדן פון קלינטאן?! אונזערע שמועסן טארן נישט זיין פון בעיסבאל שפילערס, אקטיארן און פאליטיקאנטן. אונזערע ווערטער זענען פון ערליכע אידן און ערליכע זאכן.

איך האלט אז די שכינה קומט אראפ צווישן חתן און כלה וואס רעדן פון גדולי ישראל און צדיקים. זי הערט זיך צו צו אים ווען ער דערציילט איר מעשיות פון גרויסע לייט. ער קען איר זאגן, "מיין ראש ישיבה איז א חשוב'ער איד! ער איז א למדן און בעל מידות! און דער משגיח פון מיין ישיבה – א ווארילער איד!" און זי לויבט אויס בית יעקב און די נשים צדקניות וואס בויען די צוקונפטיגע מאמעס פון כלל-ישראל. זאג נישט אז ס'איז קינדעריש – דאס איז די וועג צו רעדן, צו באשיינען אלע זאכן וואס זענען שיין אין די אויגן פון השי"ת. **אִמְרוּ צַדִּיק!** ברענג ארויף הויך די רעכטפארטיגע! דאס איז דער וועג צו בויען דיין צוקונפטיגע לעבן, ארום דער שיינקייט פון כלל-ישראל.

## די פליכט פון יעדן איד

ס'איז וויכטיג צו באטאנען אז אריינגערעכנט אין אמרו צדיק איז דער פליכט צו אויסלויבן יעדער איד וואס איז געטריי צו דער תורה. א צדיק מיינט נישט נאר איינער וואס האט חסידים. דו מוזט נישט באווייזן מופתים צו ווערן אנגערופן א צדיק. יעדער איד וואס איז א שומר תורה איז א צדיק. **וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים** (ישעיהו ס, כא). דעריבער זאלסטו רעדן איבער זייער חשיבות זאלסט שטענדיג רעדן פון אידישע קינדער מיט שעצונג.

יעצט, דאס וועסטו זאגן איז שוין נישט פאר דיר. "ווער בין איך?" וועסטו פרעגן. "בין איך רבי לוי יצחק בארדיטשוב'ער אדער משה רבינו אז איך זאל מלמד זכות זיין אויף כלל ישראל?" און דער ענטפער איז אז יעדער איז מחויב צו רעדן גוטס אויף אידן. מיר מוזן באשיינען אידישע קינדער דאס מערסטע וואס מעגליך. דער אויבערשטער ערווארט אז מיר זאלן באשיינען זיינע אידן מיט באפיצונגען און תכשיטים אויף זייערע קעפ, ביי יעדע געלעגנהייט.

## דער זיסטער ריח

פארשטייט זיך אז איך ערווארט נישט אז א סאטמארער זאל ארויסגיין פון זיינע

גרעניצן, צום ביישפיל, פאר לעיקוואז. א סאטמארער קען גרינגער זען די מעלות אויף די אייגענע. אין לעיקוואוד האט מען ליב די לעיקוואודערס. אבער דער אמת איז אז אויב דו מאכסט דעם פראגראם פון לעבן, ווערסטו שעצן יעדער פרומער איד. באגרעניץ דיך נישט. איך בין נישט קיין סאטמארער אבער איך קען רעדן גענוג שיינע זאכן אויף די סאטמארע. איך זע זייערע מעלות און וואס זיי האבן אלץ אויפגעטון פאר אונז; ווי אזוי גאנץ כלל־ישראל האט זיך געביטן דורך דער גרויסער קהילה אין וויליאמסבורג און האבן זיך צוביסלעך אויסגעשפרייט. זיי האבן געהאט א געוואלדיגע השפעה און האבן מתקן געווען אאפילע תיקונים. זיי האבן צוגעברענגט א געוואלדיגע איבערקערעניש אין אידישקייט ווען דער סאטמארער רבי איז געקומען קיין וויליאמסבורג.

דעריבער זאלסטו שטענדיג האלטן פאר דיר אז דאס איז אויך אריינגערעכנט אינעם פראגראם. ווען אימער דו קענסט זאלסטו רעדן פונעם חשיבות און הייליגקייט פון כלל־ישראל. רעדט פון זייערע מעלות און שיינקייט ווען און וויפיל דו קענסט נאר.

איך קען רעדן פון דעם שעות ארוכות אבער איך וויל שוין צוענדיגן דער נושא און צוריקקומען צום 'מורה נבוכים' וואס מיר האבן גערעדט ביים אנהייב פונעם שיעור. דער רמב"ם ברענגט אז די קטורת איז פארברענט געווארן יעדן טאג אינעם בית־המקדש כדי מיר זאלן זיך דערמאנען אז עבודת־השם האט דעם זיסטן ריח אויף דער וועלט.

## דאס וויכטיגסטער זאך

דעריבער האט דער קטורת געהאט א ספעציעלן דין. **אִישׁ אֲשֶׁר יִרְקַח כָּמֹהוּ וְנִכְרַת מֵעַמָּיו** — א מענטש וואס מאכט נאך דעם קטורת אינדרויסן פון בית־המקדש וועט ווערן פארשניטן פון זיין פאלק (שמות ל, לג).

ס'איז פארבאטן צו נאכמאכן סיי וועלכע בשמים מיט דעם זעלבן געמיש ווי דער קטורת וואס איז גענוצט געווארן אין בית־המקדש. יעדער וואס פרובירט נאכצומאכן דעם קטורת איז חייב כרת. דאס איז א געפערליכער שטראף. כרת?! נאר פאר'ן נאכמאכן דעם געמיש? אפילו אויב ער וואלט עס נישט גענוצט פאר זיך איז ער חייב כרת.

און די סיבה דערצו איז אז השי"ת האט געוואלט אז דער ריח זאל ווערן געשפירט נאר אין צוזאמענהאנג מיט דער שכינה. אין ערגעץ זאל זיך נישט שפירן דער אויסערגעוועגליכער שמעק פון די קטורת. ווייל דאס איז דער געוואלדיגער לימוד, אז ס'איז נאר די אידן און זייער שאיפות וואס האבן שייכות צום באשעפער וואס זאל ווערן ארויפגעקוקט, און גארנישט אנדערש. דעריבער איז דאס איינע פון די צילן פון א איד אויף דער וועלט צו פארברענגען די טעג צו דערהייבן עבודת־השם אז עס זאל זיין די זיסטע און וויכטיגסטע זאך אויף דער וועלט.

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

### שאלה

## אריבערפליען א רויט לייט איז אן עבירה?

### תשובה

יא! ס'איז א גרויסע עבירה – איינע פון די הארבסטע עבירות! קודם כל, שטעלסטו איין דיין לעבן אין א סכנה. און א מענטש וואס שטעלט איין זיין לעבן אין א סכנה דארף וויסן אז אפילו השי"ת האט געראטעוועט זיין לעבן ווערט אראפגערעכנט מצוות פון אים. ס'וועט אים קאסטן א סך יארן פון מצוות תפילין! א סך יארן פון קריאת שמע! מנכין לו מזכיותיו – השי"ת רעכנט אראפ פון א מענטשנ'ס זכותים ווען ער ראטעוועט אים פון א סכנה וואס ער האט זיך אליינס פארשולדיגט. וועסט נאך געוואר ווערן אז אריבערפארן דעם רויט לייט האט דיר בכלל נישט געלוינט.

און נישט נאר דאס, האסט אויך אריינגעלייגט אנדערע מענטשן אין א סכנה - וואס איז זייער א הארבע עבירה. עס ווערט פארעכנט ווי א שופך דמים אפילו אויב דו האסט קיינעם נישט גע'הרג'ט. ווייל דו האסט זיך אריינגעלייגט אין א מצב ווי דו וואלסט ווען געקענט איינעם הרג'ענען, ווערסטו פארעכנט ווי א מעגליכער שופך דמים. און דאס איז א הארבע עבירה. דו מוזט דאס פארשטיין. דאס אז עס האט גארנישט פאסירט מיינט נישט אז דו ביזט אומשולדיג. מענטשן וואס דרייוון אומפארזיכטיג טוען עפעס וואס איז פארקערט פון רצון השם און זיי זענען עתידין ליתן את הדין; פריער אדער שפעטער וועלן זיי באשטראפט ווערן.